# מיט א טיפערן בליק

## פרשת כי תצא תשפ"ו

## גיימיר ארויס פארברענגען?

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן בסייעתא דשמיא אין פרשת כי תצא. אז מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין אונזער פרשה וועלן מיר באמערקן אן אינטערסאנטע זאך, די תורה הקדושה הייבט אָן מיט די נושא פון מלחמה - כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ, אזוי אויך ענדיגט זיך די פרשה מיט א מלחמה, די מצוה פון געדענקן אז עמלק איז געקומען מלחמה האלטן מיט כלל ישראל, און מיר זאלן שטענדיג מקיים זיין תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.

אצינד, ווען מיר האבן א פרשה וואס סיי ביים אנהייב און סיי ביים סוף רעדט מען פון מלחמה, וואלטן מיר ערווארטעט אז אינצווישן וועט די תורה געוויס אויך רעדן פון די נושא, מיר וועלן זיך באַגעגענען מיט די דינים פון מלחמה, סאלדאטן, איינגעמען לענדער, וכדומה. אבער ווען מ'קוקט אריין אין פרשת כי תצא געפונען מיר נישט קיין אנדערע ווארט בנוגע מלחמות, אלעס אינדערמיט זענען מצוות און מעשים טובים פון אלע סארטן, בעיקר די פשוט'ע טאג טעגליכע הלכות וואס זענען נוגע פאר א איד. צום ביישפיל געפונען מיר די מצוה פון השבת אבידה, די מצוה פון בויען א גדר אויפן דאַך - וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ, באצאלן אן ארבייטער תיכף - בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ, די דינים פון האַנדלען ערליך און יושר'דיג - לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּכִיסְךָ אֶבֶן וָאָבֶן גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה, אז א מענטש זאל נישט האבן ביי זיך צוויי אנדערע סארטן שטיינער וואס מ'נוצט אפצוווועגן זאכן (כדי נישט אויסצופּאַפּן מענטשן דערמיט), און אזוי ווייטער.

וואס באדייט טאקע דער ענין אז די תורה הק' הייבט אָן און ענדיגט מיט מלחמה, און אינצווישן ווערן דערמאנט די אלע נושאים וואס האבן נישט קיין שייכות דערמיט. וואס איז דער ביאור דערפון און וואס לערנט אונז די תורה דערמיט?

ועוד, אז מ'רעדט שוין פון מחיית עמלק, מיר ווייסן אז כלל ישראל האט געהאט אסאך שונאים וואס האבן מלחמה געהאלטן מיט אונז, עס זענען געווען סיחון און עוג, בלק און בלעם, און אלע זייערע פעלקער וואס האבן זיך קעגנגעשטעלט און געשלאגן מיט כלל ישראל, אבער אויף קיינעם פון זיי איז נישט געקומען אזא שטרענגע ציווי ווי דאס וואס די תורה באפעלט אונז לגבי עמלק, "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק" אז מיר מוזן דאס שטענדיג געדענקן, "תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח" מיר דארפן אויסמעקן די זכר פון עמלק און קיינמאל נישט פארגעסן. מיט וואס איז די עוולה פון עמלק אזויפיל גרעסער ווי עמון, מואב, אמורי, און אזוי ווייטער?

### עמלק - רוצה להפיל קרירות באיש ישראל

לאמיר זיך אביסל פארטיפן און מתבונן זיין אין מלחמת עמלק, און דערהערן אז דא שטייט גאר א טיפע יסוד און א לימוד אויף די גאנצע מהלך החיים פון א איד.

דער אמת איז אז די מלחמה פון עמלק איז געווען א גאנץ אנדערע סארט מלחמה פון וואס מיר זענען צוגעוואוינט צו טראכטן. מלחמת עמלק איז נישט בלויז געווען נאך א מלחמה פון זיך שלאָגן מיט כלל ישראל און וועלן אויסרייסן דאס אידישע פאלק בגשמיות. ווי עס איז מבואר אין **ספרים הקדושים** איז די מלחמה פון עמלק בעיקר געווען דעם שרעקליכן "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" וואס זיי האבן געברענגט אויף כלל ישראל. די ציל פון עמלק איז אריינצוּוואַרפן דעם איד אין מקרה און טבע, אוועקנעמען די געפיל, ברען און התחדשות אין עבודת השי"ת, ווי עס איז די לשון פונעם הייליגן **שפת אמת זי"ע** (כי תבא, תרנ"ו) "שרוצה להפיל קרירות באיש ישראל להיות מוטבע בטבע ובמקרה", עמלק וויל אונז קאַלט מאכן צו יעדער דבר שבקדושה. און ער האט גאר אסאך וועגן דאס צו טוהן.

אז מיר וועלן זיך אביסל אפשטעלן און אריינקלערן אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן, וועלן מיר באמערקן ווי זייער אסאך מאל, דער טאג האט זיך קוים אנגעהויבן, מען האלט בלויז געציילטע שעות אריין אינעם טאג, אבער דער מענטש פילט שוין אזוי פאַרלאָשן, ער איז אנגעצויגן, ער איז נערוועז, ער האט שוין נישט קיין געדולד צו גארנישט און צו קיינעם. ווער רעדט נאך ווען עס קומט צום דאווענען אדער צום לערנען איז שוין זיין קאפ נישט דארט... צומאל קען מען זיך וואונדערן פון וואו איז דאס געקומען? וואס האט פאסירט מיט מיר?

יעדער פארשטייט אליינס אז עס איז נאך קיינער נישט אויפגעשטאנען אינדערפרי מיט א ווילדע החלטה אז היינט גיי איך זיין נערוועז און ברוגז אויף אנדערע. קיינער האט עס נישט אין פלאַן. אדרבה, על פי רוב שטייט דער מענטש אויף מיט א פרישקייט, מיט א גוטע רצון, ער האָפט צו זיין דאס בעסטע, צו דאווענען ווי א איד, צו לערנען ווי א איד, זיך צו פירן ווי א מענטש, נאר ערגעצוואו הייבן אָן די זאכן צו פאַרפּאָרן, זיי גייען אראפ פון די רעלסן.

וואס האט טאקע פאסירט? ווער איז שולדיג אין דעם אלעם? דאס איז דער יצר הרע די קליפה פון עמלק וואס איז גורם אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ. דער יצר הרע איז גאר גוט באַהאַוונט אין די שוואכקייטן פונעם מענטש, און ער ווייסט פונקטליך וויאזוי איהם 'אויסצולעשן' אין א קורצע צייט. גלייך אינדערפרי רוקט ער איהם אונטער עטליכע קליינע שטרויכלונגען און אומבאקוועמליכקייטן אין זיין סדר היום, דא באקומט ער א טעלעפאן קאל פון איינעם וואס רויבט אוועק זיין יישוב הדעת, און דא וואַרפט ער אריין אן אנדערע פראבלעם, א קליינע בלבול המוחין פון א קינד, א שכן, אדער אין בית המדרש, און עס דויערט נישט לאנג ביז דער מענטש איז אינגאנצן אויסגעברענט.

פארשטייט זיך אז ער קען נישט קאנצענטרירן געהעריג אויפן דאווענען, ווי אויך איז שוין די וועג זייער קורץ צוצוקומען צו כעס, צו חסרון אין שמירת עינים, אין שמירת המחשבה, ווייל דער גאנצער מענטש איז שוין אפגעקילט און פאַרלאָשן.

### די עצה פון כי תצא למלחמה 'על' אויביך

אצינד, די אלע נסיונות פון עמלק זענען א פאַקט, זיי זענען טייל פון אונזער לעבן און עס איז שווער זיי אינגאנצן צו פאַרמיידן, די מלחמת עמלק איז א שטענדיגע מלחמה, מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר. אבער עס איז יא פאַרהאַן א שטארקע עצה דערצו, דאס איז ווען א איד הייבט זיך אויף העכער, ער ערוועקט אין זיך די וואַכזאַמקייט, ער ווייסט און אנערקענט אינעם פראבלעם אז דער יצר הרע וויל איהם מכשיל זיין און אראָפּשלעפן, דאס אליינס איז שוין א האלבע נצחון, ווען מען אדרעסירט דעם פראבלעם און מ'אַנערקענט דעם שונא און זיינע

תחבולות. ווען דער מענטש הייבט זיך אויף און באַטראַכט זיין סדר החיים מיט א בליק פון אויבן, פונקט ווי דער שומר וואס זיצט אין די הויכע וואַך-טורעם און ער האט א בליק פון אויבן אראפ אויף די גאנצע האריזאנט, אזוי דארף א מענטש זיין. ער דארף שטיין אויף די וואַך און 'אנטדעקן' די נסיונות בשעת זיי קומען אונטער, זיי אידענטיפיצירן און באמערקן, און פראבירן זיי צו באהאנדלען דאס בעסטע וואס מעגליך. אז דער מענטש לעבט מיט וואַכזאַמקייט און ידיעה (awareness בלע"ז) ער ווייסט און געדענקט בשעת מעשה אז ס'איז א נסיון און עצת היצר איהם אפצוקילן, אבער ער וועט זיך נישט לאזן דערפון, דאס אליין וועט איהם העלפן בייקומען די קליפת עמלק און מנצח זיין.

ווי עס ווערט געברענגט פון **צדיקים** א טייטש אויף די ווערטער כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ, וואס באדייט די לשון "על אויביך", לכאורה וואלט געפּאַסט צו שטיין כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה 'עִם' אֹיְבֶךָ, ווייל מען גייט אין מלחמה מיט'ן פיינט נישט 'אויפן' פיינט. נאר דא שטייט דער סוד, אז מיר מוזן זיך דערהייבן, מיר מוזן באטראכטן און באמערקן דעם שונא פון אויבן אראפ. ווען א איד האלט א וואַכזאַם אויג און איז שטענדיג גרייט, דאס איז די עצה זוכה צו זיין צום המשך הפסוק פון וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ.

וויפיל מאל מאכט זיך ביי מענטשן אז זיי ווילן זיך ניטאמאל אפשטעלן און אדרעסירן זייערע פראבלעם. דער מענטש ווייסט ביי זיך אז ער האט שלעכטע געוואוינהייטן, ער ווייסט וואו זיינע שוואכקייטן ליגן באַגראָבן, ער ווייסט פונקטליך וואו עמלק האט א גוטע אחיזה ביי איהם צו מאכן דעם אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, אבער ער שטעלט זיך נישט אפ זיך מתבונן זיין דערין, צו רעדן דערוועגן, צו ארבעטן דעראויף. עס איז פיל גרינגער צו לאזן דעם באַן לויפן און נישט זיך נעמען אין די הענט אריין.

ביי איינעם איז עס זיין טעלעפאן וואס האלט איהם ממש אין געפענגעניש, ביי איינעם איז עס זיינע נישט גוטע חברים, ביי איינעם איז עס אלקאהאל, וכהנה וכהנה, זאכן וואס דער מענטש ווייסט אז מיט אביסל מחשבה און רצון וואלט ער זיך געקענט מאכן גדרים וסייגים, צום ביישפיל, איך ריר נישט אָן מיין טעלעפאן פארן דאווענען, איך ברענג עס נישט אריין אין מיין שטוב, אדער איך גיי נישט אהין למקום פלוני ווייל איך ווייס אז ס'וועט זיך נישט גוט ענדיגן. דאס וויל די תורה הקדושה פון אונז, "כִּי תֵצֵא" לַמִּלְחָמָה, גיי ארויס און הייב דיך אויף "עַל" אֹיְבֶךָ, העכער דיין יצר הרע.

ווי אויך לגבי עמלק געפונען מיר דעם שאַרפן ציווי פון **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, געדענק און האלט עס פאר דיינע אויגן, לֹא תִּשְׁכָּח, דו טארסט דאס נישט פארגעסן, זיי נישט מסיח דעת דערפון.** ווייל דער יצר הרע פון עמלק קומט אויף א שטילע און באהאלטענע וועג, ער ווייסט וויאזוי אפצוקילן און אויסלעשן דעם מענטש אָן קיין גראַנדיעזע מלחמות און מהומות, ער מאכט עס שטילערהייט און כמעט אומבאמערקט, און דערפאר דארפן מיר שטיין על המשמר, האלטן א וואַכזאַם אויג פון אויבן אויף יעדע ריר.

### וואו אהין גייסטו ארויס און וואס ברענגט עס דיר?

אויב מעג מען צולייגן א ווארט בדרך צחות. עס איז אונז אלע באקאנט אז היינטיגע צייטן זוכן מענטשן פארשידענע סארט פאַרברענגענישן, מען וויל כסדר זיך 'אויסלופטערן' און האבן א טויש פונעם טאג טעגליכן הלוך ילך. אין אונזער שפראך רופט מען דאס מיט'ן לשון פון 'ארויסגיין' אביסל, מען גייט ארויס פארברענגען און שטופן די צייט. מען מאכט אן outing דורכ'ן ארויסגיין פונעם רוטינע שטייגער און מ'לאזט זיך וואוילגיין.

אפשר קען מען זאגן פון וואו נעמט זיך די ווארט ארויסגיין? וואס איז דאס ארויסגיין? ארויס פון וואו? צו וואו? וואס איז די געדאנק דערפון? נאר דער יצר הרע ווייסט אז די ערשטע 'ארויסגיין' אין די תורה איז אין אונזער פרשה, כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ, מען דארף ארויסגיין פון די אייגענע באקוועמע און פאַרשלאָפענע מצב, און מען דארף זיך דערהייבן הויעך צו שטיין אויפן וואַך און באזיגן דעם יצר הרע. איז דער יצר הרע געגאנגען און געמאכט דערפון אן אנדערע סארט ארויסגאנג, א יציאה וואס טראגט ליידער צומאל דעם מענטש נאך ווייטער אוועק פון וואו ער דארף באמת זיין.

אנשטאט דאס ארויסגיין און אויסלופטערן זאל ברענגען פארן מענטש מער מנוחה און יישוב הדעת, איז די מציאות געווארן אז עַל פי רוב איז דאס בלויז א היכי תמצי צו ווערן מער מיד, מער פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט, און מער פארזינקען. דער יצר הרע קומט אין נאמען פון אפרוה, טויש, אויסלופטערונג, ער איז משכנע דעם מענטש צו גיין און קומען, אבער זייער אסאך מאל פירט ער די גאנצע outing אינעם פארקערטע ריכטונג, און עס ווערט פאר איהם ממש א גאלדענע געלעגנהייט אויסצופירן זיין 'אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ' בפרט ווען דער מענטש איז טאקע אונטערוועגס, ער איז נישט אין זיין סביבה און אין זיינע אייגענע ד' אמות, וואס דעמאלטס קען מען איהם גרינגערהייט אראפשלעפן אביסל ווייטער ח"ו.

אז מיר וועלן זיך אומקוקן אויף די תקופות השנה וועלן מיר באמערקן אז עס זענען פארהאן אזויפיל געלעגנהייטן ווען מיר גייען ארויס פון איין מצב צום אנדערן, און מיר וואלטן דאס געקענט אזוי גוט אויסנוצן פאר אונזער תועלת. ווען מען פארט אוועק פון שטאט צום קאנטרי, אדער יעצט ווען מען קומט צוריק, ווען עס קומט א אלול, א תשרי, יעדער פון די זמנים האט דאָך אין זיך אזויפיל פּאָטענציאל און געלעגנהייט אז דער מענטש זאל זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש און א טויש אין זיינע סדרי החיים. אבער געווענליך קומט דעמאלטס דער יצר הרע צו גיין מיט זיין אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, ער מוטשעט אויס דעם מענטש, ער דערטרענקט איהם אין אנגעשטרענגטקייט און טירדות, ער באַוואַרפט איהם מיט קוצר רוח און עבודה קשה פון לויפן און קויפן און מסדר זיין, **ביז דער מענטש טרעפט זיך פלוצלינג אינגאנצן פאַרמאַטערט און פאַרלאָשן. און ער איז שוין צו פאַרנומען זיך אפצושטעלן, צו מיד צו טראכטן, צו אנגעשטרענגט צו הערן, צו פאַרטראַכט צו באמערקן.**

### די מלחמה וואס מיר דארפן פירן זיך צו האלטן וואַך

מענין לענין איז כדאי צו ברענגן נאך א הייליג לשון פונעם **שפת אמת זי"ע** אין אונזער פרשה (שנת תרל"א) אויף די ווערטער כי תצא למלחמה על אויביך, שרייבט דארט דער שפת אמת בתוך הדברים, **"כי בכל דבר יש נקודה חיות מהשי"ת, רק שנסתר ונעלם, וצריך מלחמה ועבודה כל ימות החול למצוא זאת הנקודה"... אין יעדע זאך אין די וועלט געפונט זיך א הייליגע נקודה, דער אייבישטער געפונט זיך אומעטום און זיין כוח איז אין יעדע זאך.**

אין אנדערע ווערטער, אפילו אין די פארנומענסטע טעג ווען מ'לויפט ארום און מ'איז טרוד מיט קויפן און שלעפן און ברענגן, יעדע אידישע טאטע און יעדע

אידישע מאמע, נישט קיין חילוק וואס מען טוט, פארמאגט עס אין זיך געוואלדיגע הייליגע נקודות. מען איז עוסק אין קדשי קדשים, עס איז א הייליגע און חשוב'ע עבודה. עס איז נאר באהאלטן, מען שפירט עס נישט און מ'באמערקט עס נישט אזוי שנעל.

ווי זאגט נאר דער שפת אמת? "וצריך מלחמה ועבודה... למצוא זאת הנקודה" עס פאַדערט זיך ממש א מלחמה צו פארשטיין און טרעפן די הייליגע נקודה אין יעדע זאך. וועלכע מלחמה? דאס איז דער 'כִּי תֵצֵא' פון וואס מיר שמועסן, דער מענטש דארף מאכן זיכער ארויסצוגיין און זיך דערהייבן, זיין וואַכזאַם און קלאר, נישט לאזן דעם יצר הרע פאַרכאַפּן די אלע הכנות און טרדות אלס א מיטל צו זיין אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ חלילה, נאר פארקערט, מיר מוזן עס כאפן און אויסנוצן פאר אונזער תועלת און מאכן דערפון 'לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ' און נישט פאַרקערט!

**וואס די הלכות און מצוות לערנען אונז**

אצינד ווען מיר האבן שוין דערהערט אלעס ביז דא, ווי לעבטיג און ווי זיס איז זיך מתבונן צו זיין אין די מצוות פון אונזער פרשה וואס ווערן אויסגערעכנט צווישן די צוויי מלחמות, און באמערקן ווי זיי זענען ממש געקניפט און געבינדן אהער.

אבער צום ערשט א שטיקל הקדמה. ווען מיר לערנען א מצוה אין די תורה, דארפן מיר וויסן אז די מצוות זענען א דרך החיים, אז מען איז זיך מתבונן אין די פרטים פון די מצוה, די הלכות, די טעמים, דערהערט מען זייער טיפקייט און זייער גרויסע באדייט.

עס איז כדאי צו דערמאנען א פאסיגע דוגמא דערצו וואס מיר האבן שוין דערמאנט ביי א געלעגנהייט, וואס גיבט אונז א שטיקל אריינפיר און פארשטאנד אין דעם ענין. מיט עטליכע יאר צוריק זענען מיר געווען אנוועזנד ביי א שיעור פון א חשוב'ער מגיד שיעור, און איינער פון די אנוועזנדע האט געפרעגט אזוי: אין 'הלכות תפילה' איז פאראן פילע הלכות, למשל ווען מ'מעג יא אדער נישט אויסרעדן, פון נאך ברוך שאמר טאָר מען שוין נישט מפסיק זיין בדיבור, אבער נאכזאגן 'אמן' מעג מען נאך יא, נאך יוצר אור ווערט עס הארבער, צווישן גאל ישראל און שמונה עשרה מעג מען שוין בכלל נישט מפסיק זיין. דערנאך בשעת שמונה עשרה טאר מען ניטאמאל געבן א ווינק, אפילו אויב א שלאַנג וויקלט זיך ארום דעם מענטש טאר מען נישט מפסיק זיין, נאר אויב ס'איז א פיקוח נפש. האט דער שואל געפרעגט: וואס זענען די אלע חילוקים דא? ממה נפשך, מעג מען רעדן ביים דאווענען אדער נישט? וואס איז פשט אז ביי יעדע חלק פון תפילה איז פאראן אנדערע הלכות און דינים?

דער מגיד שיעור האט געענטפערט גאר א טרעפליכע דערהער, און ער זאגט איהם: איך וויל דיר פרעגן א פראַקטישע שאלה, א טאטע קומט אהיים נאכן זיין אגאנצן טאג אין דער ארבעט, אריינקומענדיג אין שטוב איז ער פארנומען און רעדט אויף זיין סעלפאן, איז דאס א שיינע זאך? בפשטות נישט.

אבער דער אמת איז אז ס'ווענדט זיך אביסל וואס און מיט וועם ער רעדט. אויב רעדט ער עפעס א וויכטיגע פרט פון די ארבעט וואס ער דארף נאך צוענדיגן, איז עס ווייט נישט די זעלבע ווי ווען ער שפאצירט אריין אין שטוב און שמועסט מיט אנדערע איבער נארישע פאסירונגען און נייעס.

לאמיר גיין א טריט ווייטער, לאמיר זיך פאָרשטעלן אז דער איד מיט זיין משפחה זענען געפארן אויף אַן אויספלוג, מ'גייט צוזאמען פארברענגען און הנאה האבן מיט געשמאק, דא איז שוין האַרבער, אויב וועט ער דעמאלס זיין פארנומען אויפן טעלעפאן מיט ארבעט אנגעלעגנהייטן, וואס אינדערהיים וואלטן מיר פארשטאנען אז מ'מעג, איז עס דא אין דעם מצב שוין נישט אזוי ריכטיג.

אבער אויב זאל זיך עס האנדלען אז ס'האט ח"ו אויסגעבראכן א פייער, אדער עפעס שרעקליך האט פאסירט אין זיין ביזנעס, איז דאָך פשוט און פארשטענדליך אז דאס איז די ריכטיגע זאך צו זיין פארנומען דערמיט, אפילו מ'איז יעצט אויף וואקאציע...

לאמיר זיך אבער פאָרשטעלן א חתן שטייט אונטער זיין אייגענע חופה, איידער ער גייט אויסרופן דעם 'הרי את מקודשת', גיבט ער א הייב אויף זיין טעלעפאן, און שישקעט אריין עטליכע ווערטער, דערנאך פאַרענטפערט ער זיך, "כ'האב נישט געהאט קיין ברירה, ס'ברענט א פייער אין איינע פון מיינע בנינים".

פארשטייט יעדער אז דא איז עס בכלל נישט קיין תירוץ, ווייל אין די מינוטן וואס מ'שטייט אונטער די חופה, אין די מינוטן וואס מען איז מקדש א ווייב עקזיסטירט גארנישט אויף דער וועלט, און גארנישט מיינט 'גארנישט'! און אויב איינער פארשטייט דאס נישט, איז ער בכלל נישט גרייט צום מציאות פון חתונה האבן און לעבן מיט זיין ווייב.

אט די זעלבע איז הלכות תפילה, האט דער מגיד שיעור אויסגעפירט, אויב מען לעבט מיט אַן אמת, כאפט מען גלייך אז טאקע פון די הייליגע הלכות פון חז"ל קענען מיר דערהערן וואס און וויאזוי א איד'ס דאווענען דארף אויסקוקן. ווייל וואס ווייטער מיר טרעטן אריין אינעם דאווענען שטייגן מיר העכער און נענטער צו הקב"ה, און די פארשידענע דַרגות האלטן זיך אינאיין טוישן.

פונקט ווי אין אונזער גשמיות'דיגע משל איז דא פארשידענע מצבים פון התקרבות, ס'איז דא אינדערהיים, ס'איז דא וואקאציע, און ס'איז דא די חתונה. די זעלבע איז ווען מיר גייען אריין טיפער אינעם דאווענען, ס'איז פאראן 'פסוקי דזמרה', 'יוצר', און דערנאך די הויכפונקט, ווען א איד קומט צו 'שמונה עשרה' דארט טאר ער בכלל נישט מפסיק זיין, ווייל דארט איז חופה וקידושין, דארט שטייט א איד און מאכט יחוד מיט קודשא ברוך הוא. - וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, **באטראכט נישט הלכות תפילה ווי פשוט'ע אנווייזונגען וויאזוי צו דאווענען, באטראכט הלכות תפילה אלס א מקור צו וויסן וואס אונזער דאווענען באדייט ווי הייליג און טייער עס איז, און ווי ווייט עס גרייכט.**

די אלע הלכות געבן אונז צו פארשטיין וואס ס'פארלאנגט זיך פון אונז, מיר דארפן דאס 'מיטלעבן' און שפירן אין די רמ"ח איברים, אז יא, מיר שטייען יעצט ממש מיטן מלך מלכי המלכים אליין, עס פארלאנגט זיך א העכערע סארט כבוד און רעספעקט. און ווען מיר לעבן דעם מציאות, ווערן די הלכות גאר פשוט און געשמאק איינצוהאלטן, ווייל די עצם הלכה דערציילט אונז ווער מיר זענען, און ווי חשוב און הויעך אונזער עבודה איז.

**די פנימיות און טיפקייט פון די טאג טעגליכע מצוות**

פון אט אזא לעבטיגע און דערהויבענע קוק ווינקל לאמיר מְעַיֵן זיין אביסל אין עטליכע מצוות פון אונזער פרשה.

צום ערשט לאמיר זיך אפשטעלן אויף די מצוה פון השבת אבידה. אין השבת אבידה קומט די תורה הקדושה און זאגט אונז (כ"ב ג') "לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם, ר' איד האלט אָפן דיינע אויגן", ווי **רש"י** ערקלערט אז מען טאר זיך נישט פאַרהוילן "לכבוש עינך כאילו אינך רואה אותו" מאַך נישט צו דיינע אויגן כאילו דו באמערקסט נישט. נאך מער, דער **חזקוני** זאגט ביי די מצוה פון השבת אבידה "אפילו בשעה שאתה יוצא למלחמה", דאס הייסט אפילו בשעת דו גייסט אויף א וויכטיגע פלאץ, דו ביסט פאַרנומען, דו האסט וויכטיגערע זאכן אויפן קאפ, דאָך זאלסטו האלט אפן דיינע אויגן, באמערק אז עס וואַלגערט זיך א חפץ וואס באלאנגט פאר איינעם און זיי מקיים די מצוה פון השבת אבידה.

לויט ווי מיר שמועסן קען מען פון יעדע הלכה ארויסנעמען די פנימיות המצוה, די טיפקייט און תכלית דערפון. די תורה הקדושה פאָדערט פון א איד צו זעהן, צו באמערקן, זיך וויסענדיג מאכן און זיך נישט פארהוילן. און אויב ס'איז דא א מצות השבת אבידה אויף יענעמ'ס גשמיות'דיגע חפץ, אודאי און אודאי איז דא דער חיוב ווען עס איז נוגע צו יענעמ'ס נפש, ווי שטארק מיר דארפן באמערקן און מיטהאלטן די צער און עגמת נפש פון א צווייטער איד, ווי ווייט מיר דארפן זיך אנשטרענגן צו העלפן בגשמיות וברוחניות. און די זעלבע איז מיט זיך אליינס, אויב מיר פאַרלירן חלילה פון אונזערע אייגענע רוחניות און עבודת ה', דארף מען זיך אומקוקן, מען דארף באמערקן, און מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה.

די זעלבע איז מיט די מצוה פון וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ, פשוט פשט שטייט דא בלויז א חיוב פון בויען א גדר ארום א דאַך. קומט דער **ספר החינוך** (מצוה תקמ"ו) און לייגט צו, "לְהָסִיר הַמִּכְשׁוֹלִים וְהַנְּגָפִים מִכָּל מִשְׁכְּנוֹתֵינוּ... וְהָעִנְיָן הוּא שֶׁנִּבְנֶה קִיר סְבִיב הַגַּגּוֹת וּסְבִיב הַבּוֹרוֹת וְהַשִּׁיחִין וְדוֹמֵיהֶן, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּכָּשֵׁל בְּרִיָּה לִפֹּל בָּהֶם אוֹ מֵהֶם". דא שטייט א חיוב אז יעדע זאך וואס א מענטש האט אין זיין שטוב וואס קען זיין א מכשול, דארף מען עס אוועקנעמען און אפהיטן. - דאס איז א ציווי אויף די זהירות און אחריות וואס א איד דארף פאַרמאָגן אין יעדע ווינקל. על אחת כמה וכמה ווען ס'קומט צו רוחניות, אויב ווייסטו ביי דיר אז א געוויסע מקום איז א מכשול פאר דיר, א געוויסע זאך, א געוויסע הנהגה, א געוויסע סביבה, אויב טויג עס נישט פאר דיר דאן מאַך דיר א גדר! זיי א חכם עיניו בראשו וואס פאַרמיידט דאס לכתחילה און פאַלט נישט אריין דארט. מען טאר נישט לעבן אָן א חשבון און א גדר.

די מצוה פון בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ, די תורה איז מרחיב און שמועסט אויס (כ"ד ט"ו) כִּי עָנִי הוּא וְאֵלָיו הוּא נֹשֵׂא אֶת נַפְשׁוֹ, ווי די **מפרשים** טייטשן, דער ארימאַן'ס אויגן זענען געוואָנדן צו זיין געהאַלט, ער קוקט ארויס דערויף און וואַרט אויף דעם בכליון עינים. - אין אנדערע ווערטער זאגט דא די תורה, עס איז נישט סתם א טריקענע חוב פון באצאלן תיכף, נאר מאַך אויף דיינע אויגן און באַמערק אז דא שטייט א איד וואס קוקט ארויס צו דיר, ער רעכנט אויף דיר, און דו דארפסט זיך רעכענען מיט איהם.

אנשטאט לעבן מיט דקדוק הדין פון 'מעסטן' וויפיל בין איך 'מחוייב' צו טוהן פאר יענעם, [איך האב איהם שוין איינמאל געהאלפן און יוצא געווען. אדער ער איז נישט געקומען צו מיין שמחה גיי איך נישט צו זיין שמחה, וכדומה], קוק אביסל טיפער, זעה דעם "כִּי עָנִי הוּא וְאֵלָיו הוּא נֹשֵׂא אֶת נַפְשׁוֹ". און דאס איז נישט נאר ווען איינער האט געארבעט פאר דיר, נאר סיי ווער עס קוקט ארויס צו דיר געדענק איהם צו געבן א גוטווארט, געדענק צו טוהן און העלפן מיט וואס דו קענסט. און אזוי ווייטער.

אזוי אויך ביי די מצוה פון (כ"ה י"ג) לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּכִיסְךָ אֶבֶן וָאָבֶן גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה, אז מען טאר בכלל נישט פאַרמאָגן צוויי באזונדערע שטיינער צו וועגן, אדער לֹא יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ אֵיפָה וְאֵיפָה, מען טאר נישט האבן צוויי באזונדערע מאָסן. **עס איז נישט בלויז א איסור אז מען טאר נישט אָפּנאַרן מענטשן און אפוועגן אנדערש, נאר מען טאר בכלל נישט פאַרמאָגן אזא אפציע!** די תורה הייסט זיך דערווייטערן עד הסוף פון יעדע סארט מעגליכקייט פון שקר און פאָפּעריי. ווען עס קומט צו זיין אמת'דיג, זיי אינגאנצן אמת'דיג! פיר זיך נישט אויף צו איינעם אזוי און צו א צווייטן אנדערש, אמאל אזוי און אמאל אזוי, נאר זיי אמת לאמיתו, לעב ווי א איד אדורך און אדורך.

**די עצות און אופנים פון באזיגן דעם יצר הרע**

דאס זענען ממש די כללים און תכסיסי מלחמה קעגן די אֲשֶׁר קָרְךָ פון עמלק. ווייל עמלק זוכט צו טוהן מיט אונז דאס פאַרקערטע, "שרוצה להפיל קרירות באיש ישראל להיות מוטבע בטבע ובמקרה", ער פראבירט אונז אראפצושלעפן אז מיר זאלן נישט לעבן ווי א איד דארף צו לעבן באמת, ער פלאַנצט איין קערנדלעך פון קרירות און לייכטזיניגקייט. ער זאגט צום מענטש, אודאי רעכנסטו זיך מיט יעדן, אבער דו דארפסט נישט אלעס באמערקן, דא מעגסטו זיך מאכן כאילו דו ווייסט גארנישט... זארג דיך נאר פאר אזעלכע וועמען דו האסט א טובת הנאה פון זיי אויף צוריק... די פּאָר קליינע מכשולות אין דיין לעבן זענען נישט אזוי געפערליך, דו מוזט זיי נישט אדרעסירן... גיב צדקה און טוה אסאך גוטס, נאר באַצאָל נישט דיינע ארבעטערס... זיי אמת'דיג, אבער נישט ממש, א קליינע שווינדל און א דריידל מעג מען אמאל אדורכלאזן, נישט קיין גרויסע...

און דאס לערנט אונז די תורה הקדושה מיט די אלע מצוות אין אונזער פרשה, מיר דארפן מקיים זיין כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה 'עַל' אֹיְבֶיךָ, זיך דערהייבן הויעך און שטיין אויפן וואַך, וואס דאס איז כולל אין זיך צו האבן שטענדיג אפענע אויגן אויף אנדערע און אויף זיך, צו טראכטן פאָראויס און מאכן גדרים וסייגים ארום יעדע מכשול און נסיון, זעהן מענטשן און שפירן זייער צער און הרגשים, און זיין אמת'דיג הונדערט פראצענט אין אלע ענינים. און אז מען לעבט אזוי, וועט מען בעזהשי"ת זוכה זיין צו די גוטע הבטחה פון וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ!

לסיכום געדענק:

- עמלק איז א אנדערע סארט מלחמה. א מלחמה וואס פראבירט אראפצושלעפן און קאלט מאכן דעם איד. די עצה צו דעם איז וואַכזאַמקייט און זיי באַקעמפן.
- "בכל דבר יש נקודה חיות מהשי"ת, רק שנסתר ונעלם, וצריך מלחמה ועבודה וכו' למצוא זאת הנקודה"... אין יעדע זאך אין די וועלט געפונט זיך א הייליגע נקודה!
- האב שטענדיג אפענע אויגן. טראכט פאָראויס און מאך גדרים וסייגים ארום יעדע מכשול און נסיון. זעה מענטשן און שפיר זייער צער און הרגשים און זיי אמת'דיג הונדערט פראצענט.

## א לעכטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל

בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א